29 בּרידער, לאָזט מיך רעדן צו אייך מיט אַ פּתחון־פּה
וועגן דעם שטאַמפֿאָטער דוד, אַז ער איז נפטר געוואָרן
און מען האָט אים באַגראָבן, און זיין קבר איז בּיי
30 אונז בּיז צום היינטיקן טאָג. זייענדיק אָבער אַ נביא
און וויסנדיק, אַז מיט אַ שבועה האָט ג־ט אים צוגע־
שוואוירן, צו מאַכן זיצן אויף זיין טראָן (איינעם)
פון דער פרוכט פון זיינע לענדן, (תהלים קלב, יא;
31 תהלים פט, ד, ה; שמואל ב, ז, יב־יג.) פאָרויסזעענדיק דאָס,
האָט ער גערעדט בּנוגע דעם משיחס תחית המתים,
אַז ער איז נישט איבּערגעלאָזט געוואָרן אין שאול,
און אַז זיין פלייש האָט נישט געזען פאַרדאַרבּונג.
32 דעם דאָזיקן ישוע האָט ג־ט אויפגעשטעלט, פון
33 וועלכן מיר אַלע זענען עדות. דעריבּער, אַזוי ווי
ער איז דערהויבּן געוואָרן צו ג־טס רעכטער
האַנט און האָט באַקומען די הבטחה פונם פאָטער
וואָס שייך דעם רוח הקודש, האָט ער דאָס אויס־
34 געגאָסן, וואָס איר זעט איצט און הערט. וואָרום
דוד איז נישט אַרויפגעגאַנגען אין הימל אַריין,
דען ער אַליין זאָגט:

דער האַר האָט געזאָגט צו מיין האַר:
זיץ אויף מיין רעכטער זייט,
35 בּיז איך וועל מאַכן דיינע פיינט
אַ פוסבּענקעלע צו דיינע פיס. (תהלים קי, א.)

36 דעריבּער זאָל דאָס גאַנצע בּית ישראל זיכער וויסן,
אַז דעם דאָזיקן ישוע, וועמען איר האָט געקרייציקט,
האָט ג־ט געמאַכט סיי פאַר האַר סיי פאַר משיח.
37 און ווי זיי האָבּן דאָס געהערט, האָבּן זיי עס זיך
גענומען צום האַרצן, און געזאָגט צו פּעטרוסן און
צו די איבּעריקע שליחים: בּרידער, וואָס זאָלן מיר
38 טון? און פּעטרוס האָט צו זיי געזאָגט: טוט תשובה,
און זאָל יעדער איינער פון אייך זיך לאָזן טובל זיין